# פרשת בהר בחוקותי - במדבר ט"ז - כ"ט אייר תש"פ לפ"ק

***יום שלישי פרשת בהר בחוקותי – ל"ג בעומר***

בשעות הצהרים השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לתלמידי התתי"ם שע"י קהלתנו הק' על ידי הטעלעפאון.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל באגריסען אלע חשובע קינדער פון די תלמוד תורה, פון וויליאמסבורג, און בארא פארק, און מאנסי. עס איז היינט א גרויסער טאג, די הילולא פונעם הייליגען תנא רבי שמעון בן יוחאי. אין אזא שווערען מצב וואו מיר געפונען זיך יעצט, מען איז אפגעזונדערט ביי זיך אינדערהיים, די תלמוד תורה קען נישט פונקציאנירן געהעריג ווי עס דארף צו זיין. די קינדער לערנען אין שטוב פאר זיך, און אויפן טעלעפאון מיט די חברים. יעדער האפט און קוקט ארויס אויף ישועות וואס דער היינטיגער טאג זאל ברענגען פארן גאנצן כלל ישראל.

**איך** וויל זאגען אפאר ווערטער וואס איז נוגע צום היינטיגען טאג. דער ענין פון ל"ג בעומר, איז דא דערין צוויי חלקים. על פי נגלה איז דא איין ענין, און על פי סוד איז דא א צווייטער ענין. על פי נגלה איז דער ענין פון ל"ג בעומר, אז דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט אויפגעשטעלט א גרויסע ישיבה פון פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים. רבי עקיבא האט זיך מוסר נפש געווען פאר תורה, נאך די חתונה האט ער איבערגעלאזט די שטוב, און גאנצע פיר און צוואנציג יאר איז ער נישט אריין אין שטוב, און די גאנצע צייט איז ער געזעסן אפגעזונדערט און געלערנט תורה שעות רצופות, געלערנט אין איין צו, און ער האט אויפגעשטעלט א גאנצע מיליטער פון תורה. ווען ער איז אהיימגעקומען מיט די תלמידים נאך פיר און צוואנציג יאר, האט ער געזאגט, אז מיין תורה און מיינע תלמידים'ס תורה, אלעס איז צו פארדאנקען פאר איר, ווייל זי האט אים געגעבן רשות אז ער זאל אוועקגיין און לערנען תורה אזויפיל יארן.

**וואס** איז אבער געווארן שפעטער פון די גרויסע ישיבה פון רבי עקיבא, שטייט אין חז"ל (יבמות סב:) אז זיי זענען אלע געשטארבען אין די טעג פון ספירה ביז ל"ג בעומר, און ל"ג בעומר האבן זיי אויפגעהערט צו שטארבן. וואס איז געווען זייער חטא אז זיי זענען געשטארבן. שלא נהגו כבוד זה לזה, זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער פארן צווייטן. בני תורה דארפן נוהג כבוד זיין איינער פארן אנדערן, האבן דרך ארץ איינער פארן אנדערן, רעדן איינער צום אנדערן מיט א דרך ארץ, און ביי זיי האט דאס געפעלט. און אזוי ווי ל"ג בעומר פסקו למות, מען האט אויפגעהערט צו שטארבן, וועגן דעם האט מען עס קובע געווען פאר א יום טוב (עיין **בשו"ע** או"ח סימן תצ"ג).

**פון** יעדע זאך דארף מען זיך אראפלערנען א מוסר השכל. לכאורה שטעלט זיך א גרויסע קשיא, עס איז דא טויזנטער בעלי עבירות אויף דער וועלט, עס איז דא אסאך רשעים אויף דער וועלט, וואס טוען אסאך הארבערע עבירות פון לא נהגו כבוד זה לזה. און דער אייבערשטער לאזט זיי אויף דער וועלט, און זיי שטארבן נישט. און דא האט דער אייבערשטער גענומען פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, וואס זיצן און לערנען תורה, און ער האט זיי אוועקגענומען אין איין צייט, ווייל מען האט נישט נוהג כבוד געווען איינער מיטן צווייטן. זייער עבירה אז זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער פארן צווייטן, איז גרעסער ווי הארבע עבירות וואס המון עם טוט?

**זעהט** אויס, אז יא. ווען א יוד טוט א עבירה, האט ער א חשבון מיטן אייבערשטען, און דער באשעפער וועט זיך אפרעכענען מיט אים. אויף יעדע עבירה גיט דער אייבערשטער זיין עונש, און פאר יעדע מצוה גיט דער אייבערשטער זיין שכר. דאס אלעס איז נישט אויף די וועלט, אלעס ווערט אפגערעכנט אויף יענער וועלט. אבער בני תורה וואס דארפן זיין א מוסטער פאר א צווייטן, וואס יעדער לערנט זיך פון זיי ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אז מען זעהט אז בני תורה זענען אן מדות, זיי דרייען זיך ארום איינער מיטן צווייטען, און מען געבט נישט קיין כבוד פאר יענעם, און מען לערנט זיך אפ אז דאס איז די וועג ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, איז דאס א חורבן פאר די וועלט. ווייל פון בני תורה לערנט מען זיך אראפ א הנהגה, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. ווען זיי זענען געווען לא נהגו כבוד זה לזה, איז יעדן טאג געווען א פרישע חילול ה'. און עס ווערט א רפיון אינעם גאנצן דור, אז מען זאל אנהאלטן די

חשיבות צו תורה. ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), מען דארף ליב האבן דעם אייבערשטען, און אהבהו על הבריות (יומא פו.), מען דארף זיך אזוי אויפפירן אז מען זאל באליבט מאכן דעם אייבערשטענס נאמען אויף מענטשען. און אז מען פירט זיך נישט אזוי אויף, האט דער אייבערשטער געזאגט, איך דארף נישט ענקער תורה, און ער האט צוגענומען אלע פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא.

**וואס** פון דעם דארף מען זיך אראפלערנען אז מען דארף זיך צו פירן אייער מיטן צווייטן, מיט דרך ארץ. **אויף איינעם וואס זיצט אין חדר און ער לערנט תורה קוקט מען אנדערש, ווי מען קוקט אויף א גוי אויף די גאס. און אויב ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, און שפעטער וועט ער אויסוואקסען נאך א גרעסערער תלמיד חכם, און ער וועט בלייבען מיט זיינע שלעכטע מדות וואס ער האט געהאט פארדעם, האט נישט קיין חשיבות די תורה וואס ער האט געלערנט.** דאס איז די שמחה פון ל"ג בעומר, וואס מען לערנט זיך אראפ ווי אזוי א בן תורה דארף זיך צו פירן. דאס איז על פי נגלה.

*

**על** פי סוד איז עס פארבינדען מיט א תלמיד פון רבי עקיבא. רבי עקיבא האט אויפגעשטעלט נאכדעם פינף תלמידים, איינס פון די פינף תלמידים איז געווען דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי, וואס יעדער ווייסט די מעשה וואס שטייט אין חז"ל (שבת לג:) אז דער מלכות האט אים געוואלט הרג'ענען, און רבי שמעון בן יוחאי איז אריין אין א מערה, און ער איז אפגעזעסן דארט דרייצן יאר אין איין ציה. ער איז נישט ארויסגעגאנגען, ער איז נישט אהיימגעגאנגען, און ער האט עוסק געווען בתורה מיט אזעלכע שווערע אומשטענדן. ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, ער האט נישט געהאט מער ווי וואסער מיט באקסער, דאס איז געווען איין מאכל וואס ער האט געגעסן גאנצע דרייצן יאר. ער איז געווען אין א מערה זומער און ווינטער, אין קעלט און אין היצן, ער האט נישט געהאט קיין עירקאנדישא"ן, ווינטער האט ער נישט געהאט קיין סטי"ם זיך צו ווארימען, און ער איז געזעסן אין די זאמד, כדי אז די קליידער זאלן זיך קענען האלטן גאנץ, און עס זאל נישט קאליע גיין. אזוי ווייט אז זיין גוף איז געווארן פיל מיט לעכער און שפאלטענעס פון דעם, אזוי האבן זיי געלערנט דארט תורה, און עס איז אויסגעוואקסען אזא הייליגער תנא ווי רבי שמעון בן יוחאי, וואס היינט איז זיין יומא דהילולא, און יודען פרייען זיך מיט דעם זכות פונעם געוואלדיגען צדיק וואס מיר האבן געהאט.

**די** מעשה פון רבי שמעון ענדלט אביסל צו אונזער מצב. רבי שמעון איז פאר דעם געזעסן אין בית המדרש מיט די תלמידים און געלערנט תורה. ער האט געהאט א בית הכנסת צום דאווענען, און א בית המדרש וואו מען האט געלערנט תורה, עס האט געלעבט זיין יודישקייט אין תורה און עבודת ה'. און וועגן א סיבה האט ער געמוזט זיך אפזונדערן פון זיין בית המדרש, און זיצן אין א מערה אליין מיט זיין חברותא, און דארט האט ער געלערנט תורה. ער האט נישט געהאט קיין מנין, ער האט נישט געהאט מיט וועם זיך צוזאמצוקומען א שבת און א יום טוב. אפילו מצה צו עסן, אדער א סוכה וואו צו זיצן, האט ער נישט געהאט. אלץ איז ער געווען אין די מערה באהאלטן, און אזוי האט ער געדינט דעם אייבערשטען. און ער האט עס נישט גענומען פאר א תירוץ, אז איך קען נישט גיין אין בית המדרש, בין איך פטור, איך בין א אונס. ער האט אויסגענוצט יעדע מינוט וואס ער איז געווען אפגעזונדערט פאר זיך, אדרבה איך האב נישט יעצט קיין שום שטערונגען פון אינדרויסן, איך האב די געלעגענהייט אז איך קען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען אן קיין שום דאגות, איז ער געזעסן און ער האט אויסגענוצט די צייט פאר תורה.

**אזוי אויך אונז, וואס מיר קענען נישט זיין אין בית המדרש, מיר קענען נישט דאווענען אין שול, אבער דאס גיט נישט קיין פטור, אז מיר זענען פטור פון די אלע מצות. אמאל קען מען נאך שטייגען מער ווען מען איז פאר זיך, און מען האט צייט רואיג, וואס מען ווערט נישט געשטערט פון קיין שום זאך. דאס דאווענען קען זיין א ערליכער דאווענען, ווארט ביי ווארט, דאס לערנען לערנט מען רואיגערהייט, קיינער שטערט נישט, מען דארף אויסנוצן אויף גוטס דעם מצב וואו מען געפונט זיך.**

*

**און** מען זעהט נאך א אינטערעסאנטע זאך, רבי שמעון איז אריינגעגאנגען אין די מערה צוזאמען מיט זיין זון רבי אלעזר. אויף דעם רבי אלעזר איז

נישט געווען קיין שום גזירה, רבי אלעזר האט זיך נישט געדארפט באהאלטן פונעם מלכות, ער האט גארנישט געזינדיגט, נאר רבי שמעון האט זיך געדארפט באהאלטן כדי מען זאל אים נישט הרג'ענען. רבי שמעון האט מיטגענומען זיין זון רבי אלעזר, און רבי אלעזר האט מיטגעמאכט אלע שוועריקייטן וואס זיין טאטע רבי שמעון האט געהאט. ער האט אויך נישט געגעסן מער פון וואסער און באקסער די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אין די מערה. מילא רבי שמעון האט נישט קיין ברירה, ער מוז דאך אנטלויפן, אבער פארוואס האט ער מיטגענומען רבי אלעזר? ווי קומט רבי אלעזר אהין? זאל רבי אלעזר בלייבן זיצן אין בית המדרש און ווייטער לערנען.

**זעהט** מען דערפון צוויי זאכען. איינס, אז רבי שמעון האט געוואלט האבן א חברותא. **אליין צו לערנען איז שווער, ער מוז האבן מיט זיך כאטש איינעם מיט וועם ער קען זיך אויסשמועסן און רעדן. ער מוז האבן איינעם אויפן טעלעפאון מיט וועם ער זאל קענען רעדן, כדי ער זאל קענען אנהאלטן זיין תורה.** רבי שמעון האט געפילט, אז אויב ער גייט זיין אליין אין די מערה, וועט ער נישט קענען געהעריג עוסק זיין בתורה. ער מוז האבן א חבר צוזאמען, און אזוי וועלן זיי עוסק זיין בתורה. און אזוי איז געווען,ביידע זענען אויסגעוואקסען גרויס, סיי רבי שמעון און סיי זיין זון רבי אלעזר בן רבי שמעון. ווייל זיי זענען געווען אפגעזונדערט, און זיי האבן געלערנט תורה אינאיינעם.

**און** עס ווייזט אויף די מסירת נפש פון רבי אלעזר. רבי אלעזר האט דאך געקענט זאגען פארן טאטען, איך קען דאס נישט מיטמאכן, און איך קען נישט גיין, איך האב א בית המדרש, איך האב א ווייב מיט קינדער, איך וויל זיין אינדערהיים. און רבי אלעזר האט זיך מפקיר געווען פאר כיבוד אב, און ער גייט אויך אריין אין די מערה מיטמאכן אלעס וואס דער פאטער וועט מיטמאכן, כדי אז רבי שמעון זאל קענען אויסנוצען זיין צייט דארט. פאר כיבוד אב האט ער מוותר געווען אויף אלע זיינע באקוועמליכקייטן, און ער איז געזעסן און געלערנט תורה מיטן פאטער אינאיינעם. דאס ווייזט אויף די געוואלדיגע חשיבות פון כיבוד אב, וואס ער האט געהאט מסירת נפש מכבד צו זיין רבי שמעון.

**און** דאס איז אויך א מוסר השכל פאר אונז. **מען זיצט אינדערהיים, עס איז נישט געווען א זמן וואס א קינד זאל האבן אזויפיל געלעגענהייטן מקיים צו זיין כיבוד אב ואם, פשוטו כמשמעו. פאלגן יעדע זאך וואס די טאטע און די מאמע זאגען, אפגעבן כבוד פאר דעם וואס מען הערט פון די עלטערן, עס איז נישט דא אזא ווארט 'ניין'! ווען א טאטע זאגט עפעס, ווען א מאמע זאגט עפעס, זאגען אז מען טוט אנדערש. אדרבה מען דארף זוכען מיט וואס מען קען גרינגער מאכען די שטוב, וואס קען איך צוהעלפן פאר מיין טאטע און מיין מאמע די צייט וואס איך בין דא.** א גאנץ יאר זיץ איך אין חדר, עס קומט נישט אויס אז איך זאל קענען אזויפיל מקיים זיין כיבוד אב. אבער יעצט ווען איך בין א גאנצע טאג אינדערהיים האב איך יעדע רגע די צייט וואס איך קען מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב. אז רבי אלעזר האט אוועקגעגעבן אלע זיינע באקוועמליכקייטן פאר כיבוד אב, דארף מען זיך אראפלערנען דערפון, ווי אזוי אונז דארף מיר מקיים זיין אין די צייט די מצוה פון כיבוד אב ואם. פאלגן די עלטערן, און מכבד זיין די עלטערן, און שעצן אלעס וואס זיי טוען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אין אזא גרויסען טאג ווי ל"ג בעומר, ווען עס קומען אראפ אזויפיל השפעות טובות, וואס דער צדיק רבי שמעון איז דאך מגין אויף די גאנצע וועלט. גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם (חולין ז:), זייער צדקות פון זייער לעבן ווערט גרעסער און גרעסער במיתתן, ווען זיי געפונען זיך אויבן בגבהי מרומים. זאלן זיי משפיע זיין אויף די וועלט, און זיי זאלן ממליץ זיין אויף די וועלט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן שנעל אדורכגיין דעם מצב וואס מיר געפונען זיך. דער באשעפער זאל צושיקן א רפואה שלימה פאר אלע חולי ישראל, מען זאל קענען ווייטער צוריקגיין אין בית המדרש לערנען און דאווענען, און טון מצות און מעשים טובים אזוי ווי יודישע קינדער פירן זיך. דער זכות פון רבי שמעון בן יוחאי זאל מגין זיין פאר אונז אלע, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר שזימרו ניגוני

התעוררות, התחיל **רבינו שליט"א** בשירת בר יוחאי, ואמרתם, אמר רבי עקיבא. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד היום.

*

***יום חמישי פרשת בהר - בחוקותי***

בשעות הערב מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' על ידי הטעלעפאון.

*

***שבת קודש פרשת בהר - בחוקותי***

**רבינו שליט"א** שבת את שבתו בעיה"ת מאנסי (בשכונת פארשעי) יחד עם כל בני המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת במדבר***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שלמה טעסלער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי ישיבה גדולה. בתחלת השיעור פתח **רבינו שליט"א** בדברים מיוחדים לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברים:***

**קודם** דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען אז מען קען זיצן צוזאמען. והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ), עס שטייט אין חז"ל (עירובין יג:) אז עס איז דא א ענין צו לערנען תורה, און מען זאל זיך זעהן איינער דעם אנדערן. עס ווערט מער מקובל די תורה וואס מען לערנט ווען מען זעהט זיך, ווי תורה וואס מען הערט נאר אז מען האט עס געלערנט.

**ב"ה** מען זיצט שוין אינאיינעם, עס איז באמת א געוואלדיגער ווייטאג די ירידה וואס עס האט צוגעברענגט דער גאנצער ענין. תלמוד תורה'ס און ישיבות זענען פארמאכט געווארן וועגן סיבות, און עס האט איבערגעלאזט א געוואלדיגע ירידה אויף יעדן איינעם. עס טוט ממש וויי דאס הארץ, אז פון אזויפיל שעות וואס מען האט געלערנט איבערן טאג, איז עס היינט למחצה לשליש ולרביע. מען הייבט אן שפעט, און מען ענדיגט פרי. און אפילו די שעות וואס מען האט יא, נוצט מען נישט אויס ווי מען וואלט געדארפט אויף תורה. די טעלעפאנס וואס האבן מיטגעברענגט מיט זיך א ירידה, און דאס זיצן אינדערהיים. איך רעד נישט פון שוואכע בחורים, איך רעד אפילו נישט פון בינונים, איך רעד פון גאר חשובע בחורים וואס האבן געהאט א ירידה אין די טעג. דאס התמדת התורה וואס מען האט געהאט פאר דעם האט נאכגעלאזט. און מען דארף זיך צוריק נעמען אין די הענט אריין. מען דארף נישט קוקן אויף די אלע זאכען וואס האבן געשטערט לימוד התורה, על כל פנים די שעות וואס מען געפונט זיך יא אין בית המדרש, אויסנוצן יעדע מינוט וואס מען קען, אויף צו שטייגן. און די זעלבע איז די שעות אינדערהיים, עס איז דא א געוואלדיגע ירידה אינעם דאווענען, מען דאווענט נישט אין שטוב אזוי ווי מען דאווענט אין בית המדרש, מען האט נישט קיין מסגרת. דאס מקוה גיין איז נתרשל געווארן ביי א סאך אירע, מען דארף אנהייבן זיך צוריקשטעלן אין די ראמען. ב"ה אין אונזער געגענט דא, איז נישט דא קיין שום מכשולות, מען האט נישט געהערט די לעצטע פאר וואכען אז מען זאל אריינטראגען א מענטש אין שפיטאל ווייל עפעס האט פאסירט. אין די גאס איז אפשר אנדערש, אבער מען רעדט דא אין אונזער געגענט, יעדער דארף זיך צוריקשטעלן אויף די פוס, און אנהייבן מסדר צו זיין אזוי ווי ער האט אויסגעזעהן פאראיאר אינמיטן זמן. און חפץ ה' יצליח, דער אייבערשטער זאל געבן אי"ה, אז מען זאל קענען מצליח זיין ווייטער אויך.

*

***יום רביעי פרשת במדבר***

לתפלת שחרית הופיע **רבינו שליט"א** לראשונה להתפלל בהיכל בית מדרשנו הגדול, אחר שעבר זמן רב מאז נסגרו שערי ההיכל לאור המצב.

*

***יום חמישי פרשת במדבר***

בשעות הערב מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' על ידי הטעלעפאון.

***קטע מתוך השיעור:***

**מען** האלט יעצט אין א שווערע זמן וואס כלל ישראל איז אדורכגעגאנגען, ב"ה אין אונזער געגענט הערט מען שוין נישט קיין שוד ושבר בגבולינו. צוביסלעך

צוביסלעך הייבט מען אן צוריקצוקומען אין בית המדרש, יעצט איז די צייט צו מאכען א סך הכל, אויף וואס מיר זענען אדורכגעגאנגען. זיך בארעכענען אז דאס איז נישט קיין זאך וואס איז א דרך הטבע, עס האט אזוי פאסירט, מען האט שוין גערעדט אז דער **רמב"ם** (הלכות תעניות א-א) זאגט, אז ווען א מענטש זאגט אויף א זאך אז עס איז א מקרה, דעמאלטס קומט נאכדעם א צווייטע צרה. ואם תלכו עמי בקרי (ויקרא כו-כא), זאגט רש"י, אז אויב מען וועט זאגען אויף א זאך אז עס איז א מקרה, ויספתי עליכם מכה שבע כחטאתיכם. קיינער איז נישט געזיכערט וואס עס ווארט אין די קומענדיגע יאר, צו עס וועט זיך איבער'חזר'ן, און ווי אזוי עס וועט זיך איבער'חזר'ן, אבער טאמער מיר זאגען אז עס איז א מקרה, זאגט דער פסוק וואס עס וועט זיין. מיר דארפן וויסן אז עס איז נישט א מקרה, מען האט אונז געוואלט אויפוועקן.

**דער** מצב האט אנגערירט אין אלע ווינקלען פון יודישקייט, אין בית המדרש, אין תלמוד תורה, אין די ישיבות, אין כוללים, חתונות ביי יודען, פרנסות פון יודען, אין אלעם האט עס צוגערירט. און אז דער אייבערשטער וויל אונז אויפוועקן, דארף א מענטש איבערטראכטן ביי זיך וואס קען איך מתקן זיין, כאטש עפעס אנהייבן צו טון אין תיקון המעשים.

**מען** האלט שוין באלד צוויי חדשים שפעטער, **אויב ער הייבט אן צו קומען אין בית המדרש, און ער האט נישט פאר זיך א זאך וואס ער האט מקבל געווען, וואס ער גייט זיך טוישן פון היינט און ווייטער, איז ער נאך אין כלל פון ואם תלכו עמי קרי! עס האט אים גארנישט בארירט. עס איז אדורכגעגאנגען, ב"ה מען האלט שוין דערנאך. אז מען וויל אז עס זאל זיך ח"ו נישט איבער'חזר'ן, דארף יעדער איינער מאכען א סך הכל, וואס גיי איך זיך טוישן ווען איך קום אין בית המדרש, צו אין מיין לערנען, צו אין צניעות אין שטוב, און אזוי ווייטער אין יעדע נקודה וואס איז דא אינעם לעבן. כאטש מיט עפעס צוריקקומען.** און דאס איז דער קבלת התורה. אנהייבן מקבל זיין די תורה מיט א פרישען חשק, מיט א פרישען חיות.

*

***שבת קודש פרשת במדבר***

**רבינו שליט"א** התפלל כל התפלות בבית מדרשנו הגדול. ביום שבת קודש עלה **רבינו שליט"א** למפטיר, ועבר לפני התיבה לתפלת המוספין, לרגל יומא דהילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל בערב שבועות הבעל"ט.

בשעות אחר הצהרים השמיע **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות, ופתח את דבריו בדברי שבח והודיה להשי"ת על המצב שעברנו, ועל השמחה הנפלאה שנפתחו שוב שערי הבתי כנסיות ומדרשות בעיר, למחצה לשליש ולרביע, אשר זה כמה שבועות היו סגורים מחמת המגיפה ששררה בעולם, אשר כמעט כל אחד נפגע ממנו במקצת, יש בקלות, מיחושי ראש והגוף, חום, קישויים בנשימה, ויש החמיר מצבם שהוצרכו להכנס להבית החולים, ויש שהוצרכו לכלי נשימה, ויש שלא חזרו עוד משם לביתם ר"ל. וכמה תודות אנו חייבים לה', אשר מחליים רעים ורבים ונאמנים דליתנו, ואנו יושבים שוב בבית ה' ללמוד ולהתפלל ברוב עם.

**רבינו שליט"א** הוסיף, אשר בני קהלתנו שיחיו בוויליאמסבורג חייבים תודה מיוחדת לה', אשר לא נפקד מאתנו איש, וכמדומה שגם אחד מבני חבורתנו לא הוצרך להכנס לבית החולים לישכב על כלי נשימה, תהלה לא-ל. ואין זה אלא כח התפלה שאמרו חז"ל (סנהדרין מד:) לעולם יקדים אדם תפלה לצרה. כי גזירה זו נגזרה כבר הרבה ימים קודם, בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון, מי יחיה ומי ימות, מי ברעש ומי במגפה, מי ינוח ומי ינוע, מי ישקט ומי יטרף, ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה. ורק התפלות החמות של הימים הנוראים עמדו לנו שאנו חיים וקיימים וברואים. וליקח זאת למוסר השכל להמשיך בעבודה שבלב זו תפלה ביתר שאת ויתר עז.

בדבריו המשיך **רבינו שליט"א**, כי אין אנו יודעים בדיוק מה מבקשים מאתנו מן השמים, אבל יש איזה מן הדברים שגם סומא יוכל להכיר, שעל זה באו מן השמים לעורר אותנו. והוא כי הנהגת ה' היא מדה כנגד מדה, כדי שיבין האדם לאיזה סיבה בא לו המאורע. ואם רואים שנסגרו הבתי כנסיות לזמן מרובה, זהו סימן מובהק שהקב"ה אומר לנו, כי תבואו לראות פני, מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי (ישעיה א-יב), כי התפלות שלנו צריכה תיקון. הן בכמות, יש להתפלל בזמן תפלה, ולא להיות מן המאחרים לבוא וממהרים לצאת, אלא להשתתף בתפלה מתחלתו, מאדון עולם עד אדון עולם. ושעה זו של תפלה אין בה שום דבר אחר, להיות הטלפון כבוי בכניסתו. ומכל שכן שלא להיות בכיסו סמארטפאון,

שמטמא כל סביבותיו, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך. והן באיכות, התפלה אינה עבודה בפה אלא בלב, בכוונה עצומה, להיות דבוק אז לקונו בכל חושיו ומחשבתו, הן בבקשותיו והן בתהלותיו. ולכן סיים 'בואו שעריו בתודה חצרותיו בתהלה', כאשר אתם באים לשעריו, תהא שעה זו מוקדשת רק לדבר אחד, 'הודו לו ברכו שמו', כי טוב ה' לעולם חסדו.

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בהיכל הבית המדרש כשהוא יושב על שולחנו במזרח לפני הארון הקודש.